NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02174

FAYVEL DER GROYSER UN FAYVEL DER KLEYNER

Mordekhai Ben-Ammi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראזשינקעס מיט מאנדלען

מעשהלעך פאר אידישע קינדער

1. בן-עמי, פייוועל דער גרויסער און פייוועל דער קליינער.
2. ד. ב. סלוצקי, די ערד דרעהט זיך ניט.

מאַקס נ. מייזעל

אידישער פערלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט

1918.

בן-עמי:

פיוועל דער גרויסער און פיוועל דער קליינער.

(אַ מעשה'לע נאָך אַנדערסען)

א.

אַמאָל האָבען געוואוינט אין אַ דאָרף צוויי מענשען, וואָס האָבען ביידע געהייסען איין נאָמען: ביידע האָבען זיי געהייסען „פיוועל". איינער פון זיי האָט געהאַט זיינע אייגענע פיר פערד, און דער אַנדערער — נאָר איין פערד. ווי דער שטייגער איז, האָט מען דעם, וואָס האָט געהאַט פיר פערד, גערופען „דער גרויסער טייפעל", און דעם, וואָס האָט געהאַט נעבעך נור איין פערד — „דער קליינער פיוועל". און אזוי האָט מען געוואוסט צווישען זיי אַ חילוק.

איצט וועט איהר הערען, וואָס מיט זיי ביידען האָט זיך געטראָפען, וואָרום עס איז טאַקע אַן אמת'ע מעשה.

ביידע פיוועלס האָבען געוואוינט אין אַ דאָרף און פלעגען אַקערן און זייען, ווייל דאָס איז גראָד געוועזען אַ דאָרף פון לויטער אידישע פויערים, וואָס לעבען נאָר פון אַקערן און זייען.

די הייזער האָבען זיך געצויגען אין צוויי לאַנגע שורות און אין מיטען — אַ ברייטע גאַס, וואָס איז געגאַנגען אַבי-סעל באַרג אַראָפּ און אַביסעל באַרג אַרויף, איז געוועזען שטאַרק באַדעקט מיט אַ דינעם שטויב, און אַז עס איז דורכ-געפאָרען אַ וואָגען אָדער דורכגעגאַנגען די טשערעדע, פלעג זיך דער שטויב אויפהויבען ווי די כוואַליעס אין ים.

דער קליינער פייוועל פלעג נעבעך אַ גאַנצע וואָך אַקערן מיט זיין פערדעל די ערד ביים גרויסען פייוועל, דערפאַר פלעג איהם יענער געבען זיינע אַלע פיר פערד איין מאָל אין דער וואָך, אַלע פרייטאָג.

דאָ, נעבעך, פלעג עם אונזער קליינער פייוועל גאָר אָנקוועלען און עפּעס מיט אַ מין פרייד קנאַקען מיט דער בייטש אויף אַלע פינף פערדלעך: „וויאָאו, וויאָאו, מיינע פערדלעך"! דעם טאָג זענען זיי דאָך געווען, גלייך ווי זיינע.

די זון שטעהט הויך אין מיטען הימעל און שיינט אַזוי שען, אַזוי ליכטיג, אַזוי ליבלעך איבער די פעלדער, גלייך ווי זי קלייבט נחת, קוקענדיג אַרום און אַרום. פון די קוימענס אין דאָרף ציהען זיך גלייכע זיילען רויך הויך־הויך צום לויטערן בלויען הימעל: מע הייצט אויף טשאָלענט, און פייוועל אַקערט, אַקערט און קנאַקט מיט דער בייטש — גאָר אַ פרייד. אָט האָט זיך די זון שוין אַראָפּגעלאָזט נידריגער, זי איז שוין געוואָרען עפּעס גרעסער און אַ ביסעלע רויטלעך, אַ פּנים דערהיצט פון דעם געהן אַ גאַנצען טאָג. די שטראַלען זענען שוין קילער און שטעכען שוין ניט אַזוי אין די אויגען. עס הויבט אָן צו בלאָזען אַ קיל, פייכט ווינטעל. דעם יונגען גראָז געהט איבער עפּעס ווי אַ גרויל איבער'ן לייב און עס הויבט אָן צו ציטערן. פויגלעך הויבען אָן עפּעס ווי אין איילעניש פליהען הין און הער, דרעהען זיך אין דער לופט מיט אַ מין שרייען און פייפען, גלייך זיי רעדען צווישען זיך וועגען זעהר אַ וויכטיגען עסק. לאַנגע שאָטענס ציהען זיך אוים איבער די פעלדער. אין דאָרף האָבען ווייבער שוין פאַררוקט טשאָלענט און צוואָגען די קינדערלעך; גאָר פרומע קלערען שוין וועגען ליכט־בענ-

שען, מאַנסבילען געהען שוין פון מרחץ; אינגלעך לויפען מיט פלעשלעך נעמען וויין אָדער בראַנפען אויף קידוש; דער אַלטיטשקער שמש האָט שוין אַריינגעשטעלט די ליכט אין די הענג-לייכטער און קלייבט זיך שוין געהן רופען אין שוהל אַריין. און דער קליינער פּייוועל קנאַקט אַלץ לעבע־דיג מיט דער בייטש, שרייענדיג: „וויאַאו, וויאַאו, מיינע פערדלעך"!...

די מעשה פלעג שטאַרק פאַרדריסען דעם גרויסען פּיי־וועל: וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ „מיינע פערדלעך"? פלעג ער קלערען, אָנגעצונדען פאַר כעס. „וואָס ביזטו פאַר אַ בעל-הבית איבער זיי? געהערט אַזאַ נארישער קבצן!" און יעדעס מאָל, דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער, פלעג ער צולויפען, רויט פון כעס, און שרייען: „מעהר זאָל איך עס פון דיר ניט הערען! דיר געהערט נאָר די איין קליאַ־טשע, דו קבצן איינער!"...

האָט ער זיך נאָר אָװעקגעקערט, פלעג דער קליינער פּייוועל טון דאָס אייגענע און אַלץ שרייען, קנאַקענדיג מיט דער בייטש: „וויאַאו, וויאַאו, מיינע פערדלעך", באַזונ־דערס אַז עס פלעג עמיצער דורכגעהן אין פעלד.

— הערסטו, — זאָגט איהם איין מאָל דער גרויסער פּייוועל, שוין גאָר אַרויסגעהענדיג פון די כלים. — זאָגסטו עס נאָך אַמאָל, כאַפּ איך אַ שייט האָלץ און צעברעך דעם קאָפּ דיין אויסגעדאַרטער קליאַטשע, אַזוי אַז זי וועט פּגר'ן אויפ'ן אָרט.

— ניין, ניין, מעהר זאָג איך שוין ניט! — האָט דער קליינער פּייוועל אָנגעהויבען שווערען, שטאַרק דערשראָ־קען. אָבער האָט ער נאָר דערזעהן עטליכע מענשען, וואָס

זענען דורכגעגאנגען און געזאָגט איהם: „גאָט העלף", האָט ער ווידער אַלצדינג פאַרגעסען. אין דער מינוט האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַזוי וואויל, אַזוי זיס, ער זאָל האָבען פינף פערד צו אַקערן זיין פעלד, אַז ער האָט זיך ניט גע־קאָנט איינהאַלטען און האָט אַ געשריי געגעבען: „וויאָאו, וויאָאו, מיינע פערדלעך!"

— אָט וועסטו עס ביי מיר באַלד וויאָאוקען! — שפרינגט פלוצלונג אַרויס, ווי פון אונטער דער ערד, דער גרויסער פייוועל מיט אַ שייט האָלץ אין די הענד, לויפט צו צום קליינעם פייוועל'ס פערדעל און גיט עס אַ זעץ מיט אַלע כחות איבער'ן קאָפּ, אַז ס'איז באַלד געפאַלען טויט.

— ניטאָ מעהר מיין פערדעל! וועה איז מיינע יאָה־רען! וואָס קאָן איך איצט טון? — האָט געגעבען אַ גע־שריי דער קליינער פייוועל און האָט זיך ביטער צעוויינט, ווי אַ קליין קינד.

און אַזוי באַגיסענדיג זיך מיט הייסע טרעהרען, האָט ער זיך גענומען אָפּשינדען די פעל פון דעם פערדעל, אַרויפ־געלעגט זי זיך אויפ'ן רוקען און אָפּגעטראָגען אַהיים. דאָרט האָט ער זי אַרויסגעהאָנגען אויף דעם בוידעם טריקענען. אַ שבת האָט ער שוין נעבעך געהאַט אַ פאַרשטערטען: דעם גאַנצען טאָג זיך באָוואַשען מיט טרערען, ער און דאָס ווייב.

ב.

זונטאג איז ער אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, נאָך איי־דער די זון איז אויפגעגאַנגען, אַראָפּגענומען די פעל פון דעם בוידעם, זי אַריינגעלעגט אין אַ זאַק אַריין, דעם זאַק אַרויפ־

געלעגט אויף דעם רוקען און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט, אין מאַרק אַריין, דאָרטען די פעל צו פאַרקויפען.

ביז צו דער שטאָט איז געווען אַ ווייטער מהלך, אַ ווערסט דרייסיג, און געהן האָט מען באַדאַרפט דורך אַ גרויסען און גערדיכטען וואַלד, און דערצו, אַז ער איז נאָר אַרויסגעגאַנגען פון דעם דאָרף, האָט אָנגעהויבען גיסען אַ שלאַקס־רעגען און דונערן און בליצען, אַזוי אַז דער וואַלד האָט געציטערט, אַלע פויגעלעך זענען זיך צולאָפען פאַר שרעק און זיך באַהאַלטען, וואו זיי האָבען נאָר געקאָנט צווישען די צווייגען.

דער קליינער פּיווועל האָט נעבעך אַוועקגעבלאָנדזשעט דעם גאַנצען טאָג, קוים שלעפּענדיג די פיס, און אַז ער איז אַרויס אויפ׳ן גוטען וועג, איז שוין געווען שטאָק־נאַכט. דער רעגען האָט שוין אויפגעהערט, דער הימעל איז געווען לויטער בלוי, אָנגעשיט מיט מיליאָנען שטערען, וואָס האָבען אַזוי וואונדערלעך שען געשיינט און געבלישטשעט, גלייך ווי זיי וואָלט אויך דער רעגען אויסגעוואַשען און אויסגעפּוצט.

דאָ האָט ער אָנגעהויבען אַרומצוקוקען זיך פון אַלע זייטען און האָט דערזעהן — ניט ווייט ביים וועג לויכט זיך אין אַ שטיבעל. דאָרט האָט געוואוינט אַ רייכער רענדאַר מיט זיין ווייב. „דאָ וועט מען מיך אפשר לאָזען איבערנעכטיגען”, האָט זיך געקלערט דער קליינער פּיווועל און האָט זיך געלאָזען אַהין געהן. די טיר איז געווען פאַרשפּאַרט, האָט ער אָנגעהויבען קלאַפּען. דעם רענדאַר׳ס ווייב, שוין אַ אידענע אין די יאָהרען, האָט איהם געעפענט און אַ פרעג געטון:

— וואָס דאַרפט איהר, פעטער?

——— איך האָב אייך געוואָלט בעטען, טאָמער קאָן איך ביי אייך איבערנעכטיגען.

— ניין, מיין ליבער איד! מיין מאַן איז אַוועקגע־פאָהרען אין שטאָט און איך בין איינע אַליין געבליבען, האָב איך מורא אַריינלאָזען נעכטיגען אַ פרעמדען — און זי האָט פאַרשפּאַרט די טיר איהם אונטער דער נאָז.

„א, איצט וועל איך שוין מוזען נעכטיגען אין דרויסען", זאָגט דער קליינער פייוועל מיט אַ זיפץ. ער איז נעבעך געווען נאָס דורך און האָט געציטערט פון קעלט. נאָר אַ ברירה האָט ער געהאַט? און ער הויבט אָן אויסצוקוקען אַן אָרט אויף צו לעגען זיך.

ניט ווייט איז געשטאַנען אַ גרויסע סטערטע היי און צווישען דער סטערטע און דער שטוב איז געווען אַ שטאַל מיט אַ פלאַכען שטרויענעם דאַך.

„אָט דאָ קאָן איך האָבען גאָר אַ וואויל געלעגער, — האָט זיך דער קליינער פייוועל געקלערט, דערזעהענדיג דעם דאַך. — איך וועל מיר אָנלעגען אַ סך היי און עס וועט מיר זיין ווייך, ווי אויף אַן איבערבעט. און מורא האָבען האָב איך, דאַכט זיך, אויך ניט פאַר וועמען."

אונזער קליינער פייוועל האָט אַרויפגעקלעטערט אויף דעם דאַך פון דער שטאַל און האָט זיך אַנידערגעלעגט אויף דעם שטרוי, נאָר אַזוי ווי ער איז געווען שטאַרק הונגעריג, האָט ער ניט געקענט איינשלאָפען און האָט זיך געקערט פון איין זייט אויף דער אַנדערער. די הילצערנע לאָדען פון די שטוב-פענסטער זענען פון אויבען ניט גוט צוגעשטאַנען, און דאַריבער האָט מען פון דעם דאַך געקאָנט זעהן אַלצדינג, וואָס אין שטוב טוט זיך. און אַלץ ליגענדיג, טוט ער אַ בליק

אזוי אומגערן, — שטעהט דאָרט אַ גרויסער טיש געדענקט, און אויפ'ן טיש שטעהען פיש, אַ יויך, געבראָטענס און דער־צו נאָך אַ פלאַש וויין, גאָר יום־טוב'דיג.ביים טיש זיצט די רענדאַרקע אַקעגען איהר — איהר פעטער, אַ שוואַר־צער, אַ דיקער איד מיט לאַנגע, געדיכטע שוואַרצע האָר, מיט אַ שוואַרצער אונטערגעשאָרענער באָרד, מיט אַ פול בייכעל. אַלע האָבען איהם גערופען „יונה דער מסור", אָדער גלאַט „דער מסור": ער פלעגט לעבען פון מסירות און האָט אומגליקלעך געמאַכט אַ סך מענשען נאָך די רענדאַר־קע איז ביי איהם אויסגעוואַקסען אין שטוב. איז ער ביי איהר געוועזען אַ חשוב'ער גאַסט.

זיי האָבען א פנים נאָר וואָס געזעצט זיך צום טיש, וואָרום מען האָט זיך ערשט גענומען צו די פיש, און דער שוואַרצער מסור האָט אָנגעהויבען רוקען אין מויל אַריין אײן שטיק געפילטע פיש נאָך דעם אַנדערן, גלייך ווי ער וואָלט שוין דריי טעג ניט געגעסען, און די רענדאַרקע האָט איהם אַלץ צוגעטראָגען: „עסט פעטער, טרינקט, פעטער, עפּעס נעמט איהר כ'לעבען גאָרניט אין מויל אַריין".

פייוועלען איז נעבעך איבערגעגאַנגען די סליונע. ער האָט זיך אַלץ נעהנטער צוגערוקט און צוגעלעגט דעם גאַנ־צען קאָפּ צום פענסטער, אַלץ קוקענדיג ווי זיי עסען עס דאָרט. „זעה נאָר די שענע ווייסע בולקעס! עפּעס גאָר א פורים־סעודה ביי זיי! ווען מ'וואָלט דאָס מיר פון דעם אַלעמען געגעבען כאָטש עפּעס צו פאַרזוכען!"

ג.

פלוצלונג דערהערט ער שטאַרקע טריט פון אַ ריי־

טער. דאָס איז דער רענדאַרקעס מאַן געקומען פון דער שטאָט. ער איז געווען דוקא אַ גאַנץ גוטער מענש, נאָר דעם פעטער, דעם מסור האָט ער ניט געקענט איבערטראָ־גען: פלעג ער איהם נאָר קומען אויף די אויגען, פלעג ער אַרויס פון די כלים און איז געווען גרייט איהם הרג'ענען אויפ'ן אָרט. אַ קליינינקייט אַ מסור, וואָס מאַכט אומגליק־לעך אַזוי פיעל אידען! וואָס קאָן שוין זיין ערגער אויף דער וועלט? די רענדאַרקע און איהר פעטער האָבען דאָס געוואוסט און דעריבער טאַקע איז ער איצט געקומען זיך זעהן מיט דער פלימעניצע ד ע ם אויפדערנאַכט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז איהר מאַן איז ניטאָ אין דערהיים: זיי האָבען געמיינט, אַז ער וועט קומען ערשט אויף מאָרגען.

אַז זיי האָבען אין שטוב דערהערט, אַז דער רענדאַר פאָהרט, זענען זיי ביידע געוואָרען בלייך, ווי קאַלך. די רענדאַרקע האָט אָנגעהויבען בעטען דעם פעטער, ער זאָל אַריינקריכען אין גרויסען לעדיגען קאַסטען, וואָס איז גע־שטאַנען אין ווינקעל. דער פעטער האָט זי געמוזט פאָל־גען, וואָרום ער האָט שטאַרק געציטערט, דער רענדאַר זאָל איהם ניט טויט־שלאָגען, ווען ער וועט איהם דערזעהן. אַז ער איז שוין געלעגען אין קאַסטען, האָט זי זיך גענומען גיך אָפּראַמען דאָס עסען מיט דעם וויין פון דעם טיש און האָט עס באַהאַלטען אין אויווען אַריין.

דער קליינער פייוועל האָט נעבעך אַ טיפען זיפץ געטון, אַז ער האָט דערזעהן ווי דאָס עסען איז פאַרשוואונדען גע־וואָרען.

— ווער איז דאָרט אויפ'ן דאַך? — גיט אַ פרעג דער רענדאַר, זעהענדיג ווי אימיצער רירט זיך דאָרט.

— אַ איד, — ענטפערט דער קליינער פייוועל.

— וואָס זשע ליגט איהר דאָרט? קומט אַריין אין שטוב.

דאָ האָט איהם דער קליינער פייוועל דערצעהלט, ווי ער האָט געבלאָנזשעט אַ גאַנצען טאָג אין וואַלד און האָט געוואָלט איבערנעכטיגען.

— קומט אַריין, קומט אַריין, ליבער איד, מען דאַרף דאָך פריהער עפּעס איבערכאַפּען פאַר'ן שלאָף.

ער האָט אָנגעהויבען קלאַפּען אין דער טיר. מען האָט באַלד געעפענט. און אַזוי זענען זיי ביידע אַריינגעגאַנגען.

די רענדאַרקע האָט זיי זעהר שען אויפגענומען, באַלד געגרייט צום טיש, זיי געהייסען זיך וואַשען און האָט דערלאַנגט אַ גרויסען שיסעל קוליש.

דער רענדאַר איז געווען שטאַרק הונגעריג און האָט געזופּט דעם קוליש מיט גרוים חשק. דער קליינער פייוועל איז געווען נאָך מעהר הונגעריג, נאָר פונדעסטוועגען, ווייל עס האָט זיך איהם אַלץ געבאָמבעלט אין קאָפּ די גוטע פיש, דאָס געבראָטענס מיט די שענע ווייסע בולקעס, האָט ער דעריבער ניט געקענט עסען מיט אַזאַ חשק, ווי דער רענדאַר.

„ווי באַקומט מען דאָ אַרוים אָט די אַלע מאכלים?" האָט איהם געפּיקט אין קאָפּ.

און ער איז געפאַלען אויף אַ מיטעל.

אונטער'ן טיש נעבען זיינע פים איז געלעגען דער זאַק מיט דער פעל פונ'ם פערד, וואָס צוליעב איהר איז ער געגאַנגען אין שטאָט אַריין. אונזער קליינער פייוועל גיט אַ טראָט מיט די פים אויפ'ן זאַק, אַזוי אַז די טרוקענע פעל האָט אָנגעהויבען קנאַקען.

— שאַ, שאַ! — מאַכט ער צום זאַק, גלייך ווי ער רעדט צו עמיצען, און אַליין טרעט ער נאָך שטאַרקער אויף איהם מיט די פיס, — און די פעל קנאַקט נאָך שטאַרקער.

— וואָס האָסטו עס ביי דיר אין זאַק? — פרעגט איהם דער רענדאַר.

— דאָרט ליגט ביי מיר א כשוף־מאַכער, — ענטפערט פייוועל, — עפּעס זאָגט ער מיר, אַז מיר זאָלען קיין קוליש ניט עסען, אַז ער האָט אַזוי פאַר'כשופ'ט דעם אויווען, אַז ער איז געוואָרען פול מיט פיש, יויך, געבראָטענס און ווייסע בולקעס.

— ס'קען ניט זיין! — זאָגט דער רענדאַר. ער לויפט גלייך צום אויווען, רוקט אָפּ דאָס טשאָלענט־ברעטעל, גיט אַ קוק אינוועניג און דערזעהט די אַלע מאכלים, וואָס זיין ווייב האָט דאָרט באַהאַלטען, אַז זי האָט איהם דערהערט פאָרען. ער אָבער איז געווען זיכער, אַז דאָס אַלצדינג האָט געמאַכט דער כשוף־מאַכער, וואָרום ער איז נעבעך געווען אַ פּראָסטער מענש, אָהן חכמות און געגלויבט אין אַלצדינג, וואָס מען האָט איהם דערצעהלט.

דאָס ווייב האָט נעבעך געמוזט שווייגען און האָט דערלאַנגט די אַלע עסענס צום טיש, זיך מאַכענדיג, גלייך זי ווייסט גאָר ניט פון עפּעס צו זאָגען. אַז זיי האָבען זיך שוין גוט אָנגעגעסען און מען האָט שוין געהאַלטען ביים בענשען, האָט דער קליינער פייוועל ווייטער אָנגעטראָטען אויף דעם זאַק.

— וואָס זאָגט אַצינד דער כשוף־מאַכער? — פרעגט דער רענדאַר.

— ער זאָגט, — ענטפערט פייוועל, — אַז ער האָט אונז פאַר'כשוף'ט נאָך דריי פלאַשען וויין, זיי שטעהען שוין אונטערן איוווען.

איצט האָט דאָס וויב נעבעך געמוזט אַרויסשלעפען דעם וויין אויך און דערלאַנגט צום טיש. דער רענדאַר האָט זיך גוט אָנגעטרונקען און איז געוואָרען זעהר פרעהלעך.

„האָבען אַזאַ מין כשוף־מאַכער איז דאָך עפּעס גאָר אַ תענוג" — האָט ער געקלערט.

— זאָגט זשע, פעטער, — רופט זיך אָן דער רענ־דאַר, — קען אפשר אייער כשוף־מאַכער אראָפּברענגען דעם נישט־גוטען אויך? איך וואָלט איהם זעהר אַ בעלן געווען צו זעהן, כ'לעבען.

— פאַר וואָס ניט? — ענטפערט דער קליינער פיי־וועל. — אַ כשוף־מאַכער קאָן אלצדינג ברענגען, וואָס איהר פאַרלאַנגט נאָר.

„אַיאָ?" מאַכט ער, גלייך ווי ער פרעגט יענעם, און דערביי טרעט ער אָן אויף דעם זאַק, אַז די טרוקענע פעל האָט אַ קנאַק געגעבען.

— ער זאָגט „יאָ." אָבער דער נישט־גוטער זעהט אוים זעהר מיאוס, פע! שטאַרק מיאוס, איך מיין, אַז עס איז גאָר ניט כדאַי איהם אָנצוקוקען.

— נישקשה, ער מעג זיין ווי מיאוס ער וויל זיך, פון דעסטוועגען וואָלט איך איהם פאָרט געוואָלט זעהן!

— ער האָט אַ פּנים אַקוראַט ווי אייער ווייב'ם פעטער, דער מסור, — זאָגט פייוועל.

— פפפפע!!! — האָט דער רענדאַר אַזש אַ ציטער געטון, און עס איז איהם איבערגעגאַנגען אַ גרויל איבער'ן

ליב: — ווי יונה דער מסור! אַט דאָס הייסט פּאַסקוד־נע! איהר מוזט וויסען, אַז איך קאָן בכלל קיין מסור ניט איבערטראָגען. איך וואָלט זיי אַלע געהאַנגען אין איין טאָג. נאָר נישקשה, איך ווייס דאָך, אַז עס איז נאָר אַ נישט־גוטער, און נישט קיין אמת'ער מסור, וועל איך מיך קאָנען איינהאַלטען, נו, גיכער זשע! נאָר לאָז ער ניט צוגעהן צו מיר צו נאָהענט. אלא ניט, בין איך ניט זיכער פאַר זיין לעבען.

— וואַרט אַביסעל, איצט וועל איך פרעגען מיין כשוף־מאַכער, — זאָגט דער קליינער פייוועל, טרעט אָן אויף דעם זאַק און לעגט צו דעם אויער.

— נו, וואָס זאָגט ער? — פרעגט דער רענדאַר.

— ער זאָגט, איהר זאָלט עפענען דעם קאַסטען, וואָס שטעהט אין ווינקעל, וועט איהר דאָרט זעהן דעם נישט־גוטען ליגען איינגעהויקערט. נאָר איהר מוזט גוט האַלטען דאָס דעקעל, ער זאָל ניט אַנטלויפען.

— אפשר וועט איהר זיך מטריח זיין מיר העלפען האַל־טען? — זאָגט דער רענדאַר, און געהט צו צום קאַסטען, וואו זיין ווייב האָט באַהאַלטען איהר פעטער יונה דעם מסור, וואָס איז געלעגען דאָרט אין געהאַקטע וואונדען, קלאַפּענדיג מיט די ציין פאַר שרעק.

דער רענדאַר האָט אַביסעל אויפגעהויבען דאָס דע־קעל און געגעבען אַ קוק אַריין.

— אָ! — האָט ער אַ שפּרונג געטון צוריק מיט אַ געשריי, — איך האָב איהם גוט געזעהן, דעם רוח, איך וואָלט געמעגט שווערען: יונה דער מסור, צוויי טראָפּען וואַסער. פע!...

ער האָט געמוזט פאַרטרינקען מיט וויין, אַזוי איז איהם נישט גוט געוואָרען. און אַזוי האָבען זיי געטרונקען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— הערט איהר, פעטער, דעם כשוף־מאַכער מוזט איהר מיר פאַרקויפען, — זאָגט דער רענדאַר צום קליינעם פייוועל. — וואָס איהר וועט וועלען, וועל איך אייך פאַר איהם געבען, ווילט איהר — גיב איך אייך אַ שעפּעל געלט.

פאַרשטעהט זיך, אַז אונזער קליינער פייוועל האָט זיך ניט לאַנג געלאָזט בעטען.

— יאָ, — זאָגט דער רענדאַר, — דאָס שעפעל געלט גיב איך אייך באַלד, אָבער איהר מוזט אויך מיטנעמען דעם קאַסטען, איך וויל איהם ניט האָבען איין שעה ביי מיר אין שטוב, וואָרום, ווער ווייסט, אפשר ליגט ער נאָך אינ־וועניג.

אַזוי האָט דער קליינער פייוועל אָפּגעגעבען דעם רענ־דאַר דעם זאַק מיט דער טרוקענער פעל און האָט באַקומען אַ פול שעפּעל געלט. דער רענדאַר האָט איהם נאָך צוגע־געבען אַ קליין וועגעלע, עס זאָל איהם זיין גרינגער צו פירען דאָס געלט מיט דעם קאַסטען.

— נו, זייט מיר געזונד! — האָט זיך פייוועל אָפּגע־זעגענט.

אַז עס האָט נאָר אָנגעהויבען צו טאָגען, האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין, שלעפּענדיג אויף דעם וועגעלע דאָס געלט און דעם קאַסטען, אין וועלכען דער מסור איז נאָך אַלץ געלעגען.

ד.

פון יענער זייט וואלד איז געווען א גרויסער און זעהר א טיפער טייך. דאס וואסער איז דארט געלאפען אזוי שטארק און מיט אזא מין רוישען, גלייך סע וואלט געזאטען. דארט אריבערשווימען איז געווען זעהר שווער, אויף דעם ארט האט מען נאך נישט לאנג געמאכט א נייע בריק. אהין איז דאס פייוועל אנגעקומען מיט זיין משא ארום האלבען טאג, שטארק מיד און פארסאפעט און נאס פון שוויים, וואס האט איהם גערונען איבער'ן גאנצען פנים און איבער'ן גאנצען לייב.

אין מיטען דער בריק האט ער זיך אפגעשטעלט און געזאגט אזוי גאנץ הויך, כדי דער מסור אין קאסטען זאל קאנען הערען:

„איך בעט אייך, וואס וועל איך זיך ארומשלעפען, ווי א נאר, מיט דעם טייערען קאסטען? ער איז עפעס אזוי שווער, גלייך ווי ער וואלט געווען פול מיט שטיינער. איך בין שוין געבליבען גאר אהן כחות, איך וועל איהם בעסער ארייןווארפען אין טייך אריין. וועט איהם דאס וואסער צוטראגען ביז צו מיר אהיים — איז גוט, אלא נישט — א שענע, ריינע כפרה! וואס וועל איך דא פארלירען?"

און אזוי זאגענדיג, געהט ער צו צום קאסטען און הויבט איהם אויף מיט איין האנד, גלייך ווי ער וואלט איהם געוואלט ארייןווארפען אין וואסער אריין.

— אי, אי, — האט דער מסור אנגעהויבען שרייען און קלאפען אינעווייניג מיט די הענט און פיס, — לאז מיך פריהער ארויס!

— זעה נאָר, ער ליגט נאָך דאָרט! — האָט דער קליינער פייוועל אַ געשריי געטון, אָפּשפּרינגענדיג צוריק, גלייך ווי ער וואָלט זיך שטאַרק דערשראָקען. — ער ליגט נאָך דאָרט דער נישט־גוטער! מ׳דאַרף איהם גיכער אין וואַסער אריינוואַרפען, ער זאָל דאָרט דערטרונקען ווערען.

— אוי, ניין, ניין! טו עס ניט! זאָלסט מיר געזונד זיין, זאָלסט מיר מאריך ימים זיין, לאָז מיך אַרויס, — גיב איך דיר אַ גאַנץ שעפּעל געלט!

— אַ, דאָס איז אַן אַנדער זאַך. אַזוי זשע רעד, דו רוצח! גיב אַהער אַ שעפּעל געלט. נישקשה, דו האָסט געענוג אָנגעראַבעוועט ביי אָרעמע לייט! אַ יאָ, האָסט ניט שטאַרק חשק דערטרונקען צו ווערען? און וויפיעל מענשען האָסטו דערטרונקען מיט דיינע מסירות? זאָג! וועסט נאָך מסר׳ען, נאָך לויפען צום פּריסטאַוו?

— אוי, ניין! זאָל איך אַזוי דערלעבען זעהן מיין ווייב און קינדער!

— נו, זעה זשע, דו בלוט־צאַפּער איינער! — און דער קליינער פייוועל האָט געעפענט דעם קאַסטען.

ניט טויט, ניט לעבעדיג, איז דער מסור אַרויסגעקראָכען, ציטערענדיג מיט הענט און מיט פיס. אַז ער איז געוואָרען שוין אַביסעל רוהיגער און האָט געקאָנט כאַפּען דעם אָטעם, האָט ער געפירט דעם קליינעם פייוועל צו זיך אַהיים און האָט איהם געגעבען אַ פול שעפּעל געלט און איהם שטאַרק געבעטען, ער זאָל קיינעם די מעשה ניט דערצעהלען.

איצט האָט ער שוין געהאַט אַ פול וועגעלע מיט געלט.

אַז ער איז געקומען צו זיך אַהיים, האָט ער דאָס גאַנצע געלט אויסגעשיט אויף דער ערד און עס איז געוואָרען

דערפון א גאנץ גרויסע קופע. „פאר מיין פערדעל — קלערט ער זיך — האט מען מיר גוט באצאהלט". פונדעסטוועגען האט איהם געגעבען א קלעם ביים הארצען. אז ער האט זיך דערמאנט אן זיין ארעם אויסגעדארט פערדעל, וואס ער האט מיט איהם אזוי לאנג געאקערט און איז מיט איהם געוועהנט געווארען, ווי מיט אן אמת'ן גוטען פריינד.

„איצט וואלט מען געדארפט, דער גרויסער פייוועל זאל געוואר ווערען, וויפיעל געלט איך האב באקומען דורך מיין פערדעל. עס וועט איהם שוין גוט שטעכען! נאר ווי אזוי איז מען איהם מודיע? שא! איך האב שוין געפונען א מיטעל".

און אז דאס ווייב מיט די קינדערלעך האבען זיך שוין זאט אנגעקוקט מיט דעם געלט, האט ער געשיקט זיין עלטער בחור'ל צום גרויסען פייוועל לייהען א מאס עס איבערצומעסטען.

„אויף וואס קאן ער דארפען האבען א מאס?" האט זיך דער גרויסער פייוועל געקלערט, און בכדי עס געוואר צו ווערען, האט ער דעם דעק פון דער מאס אנגעשמירט מיט סמאלע, ווארום אזוי וועט זיך עפעס צוקלעפען פון דעם, וואס ער וועט מעסטען. כך הוה, און אזוי איז טאקע געווען. אז מען האט איהם אפגעבראכט די מאס, איז דארט געווען צוגעקלעפט דריי זילבערנע מטבעות.

— וואס הייסט דאס? — זאגט דער גרויסער פייוועל שטארק פארוואונדערט, כאפט די קאפאטע אויף איין ארבעל און לויפט צום קליינעם פייוועל.

— ווי קומט צו דיר אַזוי פיעל געלט ? — פרעגט איהם פייוועל דער גרויסער, אריינלויפענדיג פאַרסאָפּעט.

— דאָס האָב איך נעכטען פאַרקויפט די פעל פון מיין פערדעל, וואָס דו האָסט עס דער׳הרג׳עט. פעל שטעהט היינט אויף זעהר אַ הויכען פרייז.

„דאָס איז דאָך עפּעס זעהר אַ וואוילער עסק !" קלערט דער גרויסער פייוועל, לויפט באַלד אַהיים, כאַפּט אַן אַקס און דער׳הרג׳ט אַלע זיינע פערד, דערנאָך שינדט ער פון זיי אַראָפּ די פעל און פירט זיי אַוועק אין שטאָט אויפ׳ן מארק פאַרקויפען.

— פעל ! פעל ! גוטע פעל ווער קויפט ! — שרייט ער, אַרומגעהענדיג אין אַלע גאַסען.

אַלע שוסטער און גאַרבער זענען זיך צונויפגעלאָפען פרעגענדיג, ווי טייער ער וויל פאַר זיינע פעל.

— אַ שעפעל געלט פאַר יעדער, — ענטפערט דער גרויסער פייוועל.

— משוגע ביזטו, צי חסר דעה ! — האָבען זיך אַלע צעלאַכט. — וואָס מיינסטו עפּעס, אַז מיר שעפען דאָ געלט מיט׳ן שעפעל ?

נאָר ער האָט זיי אַפילו ניט געוואָלט הערען און אַלץ געשריען :

— פעל, פעל ! גוטע פעל ווער קויפט ! — און אַז מען האָט איהם געפרעגט דעם פרייז, האָט ער ווידער גע־ענטפערט אין איין קול : אַ שעפעל געלט פאַר יעדער !

— ער איז געקומען פון אונז חוזק מאַכען ! — האָ־בען אַלע אָנגעהויבען שרייען, שטאַרק אויפגעטראָגען.

די שוסטער האָבען געכאַפּט זייערע רימען, די גאַר־

בער זייערע לעדערנע פאַרטוכער, און מען האָט איהם אָנ־געהויבען קלאַפּען גאָר אויף אַן אַנדער אופן. „פּעל, פּעל" — האָבען זיי איהם נאָכגעקרימט, „וואַרט, אָט וועסטו ביי אונז באַקומען אַ פּעל, וועט זי זיין בלוי און גרין פון אַלע קאָלירען!"

— אַרוים פון דער שטאָט! אַרוים פון דער שטאָט!

— האָבען זיי נאָכגעשריען, קלאַפּענדיג איהם.

און ער האָט נעבעך געכאַפּט די פיס אויף די אַקסעל און איז געלאָפען, ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט.

אַזעלכע קלעפּ האָט ער נאָך אויף זיין לעבען נישט געכאַפּט.

„וואַרט, וואַרט, דו קליינער פייוועל!" טראַכט ער, „דו וועסט מיר פאַר דעם אַלעמען באַצאָהלען. איך וועל זיך שוין מיט דיר גוט אָפּרעכענען."

ה.

אז ער איז נאָר געקומען אהיים, האָט ער געכאַפּט דעם גרעסטען זאַק, וואָס ער האָט נאָר געהאַט, באַלד אַוועקגעלאָפען צום קליינעם פייוועל און זאָגט צו איהם:

— מעהר וועסטו שוין פון מיר חוזק ניט מאַכען! דו וועסט זיך פון מיינע הענט שוין ניט אַרויסדרעהען!

און פלוצלונג האָט ער איהם אַ כאַפּ געטון און איהם אריינגערוקט אין זאַק אריין.

— איצט זאָג אָפּ ודוי; וואָרום איך געה דיך באַלד דערטרינקען! — האָט ער אַ געשריי געגעבען און ארויפ־געלעגט דעם זאַק מיט דעם קליינעם פייוועל אויפ'ן רוקען.

ביז צום טייך איז געוועזן ניט נאָהנט, און דער קליינער

פייוועל איז געווען געגנוג שווער; דער וועג איז געגאנגגען אקוראט נעבען א שענקעל. אזוי ווי דער גרויסער פייוועל איז געווען זעהר מיד, איז ער אריינגעגאנגען כאפּען א טרונק בראנפען און עפּעס פארבייסען. דעם זאק מיט דעם קליינעם פייוועל האט ער געלאזען אין דרויסען ביי דער טיר. ער זאל ניט אנטלויפען, האט ער ניט מורא געהאט, ווארום דער זאק איז געווען גוט פארבונדען. דעריבער איז ער זיך געזעסען רוהיג אין שענק ביי א האלבע שעה.

דער קליינער פייוועל האט נעבעך אין זאק געזיפצט און געקרעכצט, געדרעהט זיך, געקאטשעט זיך, נאר עס האט איהם גאר ניט געהאלפען. — דעם זאק אויפבינדען איז איהם געווען אונמעגלעך!

פונקט אין דער צייט האט אן אלטיטשקער פאסטוך, וואס האט קוים געפלאנטערט מיט די פיס, דורכגעטריבען א טשערעדע פון קיה און פון אקסען. איינער פון די אקסען האט זיך שטארק צעיאגט, איז ארויף אויף דעם זאק און האט איהם איבערגעקערט. דער קליינער פייוועל האט אנגעהויבען שטארק שרייען פאר וועהטאג. אז דער אלטער פאסטוך האט דערהערט א מענשלעך קול פון דעם זאק, איז ער באלד צוגעלאפען און האט איהם צעבונדען. נאר ארויס פון זאק, האט דער קליינער פייוועל דערצעהלט דעם פאסטוך זיין אומגליק.

— באלד כאפּ דעם קליינעם חזיר, וואס לויפט דארט, און פארבינד איהם אין זאק — זאגט דער אלטיטשקער — ווארום ווען ניט, דערזעהענדיג דעם זאק לעדיג, וועט דיין רוצח זיך לאזען דיר נאכיאגען.

דער קליינער פייוועל האָט איהם באַלד געפאָלגט און זיי זענען ביידע אוועקגעגאַנגען אינאיינעם.

אַזוי ווי דער אַלטיטשקער איז קוים געגאַנגען, האָט פייוועל גענומען אויף זיך דעם טאָג פּאַשען די טשערעדע — און איהם האָט ער געשיקט ער זאָל זיך אַביסעל אויסרוהען.

דערווייל איז דער גרויסער פייוועל אַרויסגעקומען פון דעם שענקעל און ווייטער אַרויפגעלעגט דעם זאַק אויף דעם רוקען.

— אַ טרונק בראָנפען איז טאַקע אַ גוטע זאַך; ס'גיט טאַקע צו כוח — האָט ער אַ קלער געטון ביי זיך אַליין — זעה, איצט איז דער קליינער פייוועל צוויי מאָל גרינגער גע־וואָרען צום טראָגען!

אַזוי איז ער געגאַנגען ביז צום טייך, דאָרט, וואו דאָס וואַסער איז געוועזן שטאַרק ברייט און טיף.

— נו, איצט וועלען מיר זעהן, ווי דו וועסט מיך נאָך אַמאָל אָפּנאַרען! — און אַזוי זאָגענדיג, גיט ער אַ וואָרף דעם זאַק מיט דעם חזיר אין וואַסער: כן יאבדו כל אויביך — אַזוי זאָלען פאַרלאָרען געהן אַלע חזרים, רבונו של עולם!...

אָפּגעטון דעם עסק, געהט ער זיך גאָר פרעהליך צוריק אַהיים. ווי ער קומט צו דעם אָרט, וואו דער וועג צעטיילט זיך, גיט ער אַ קוק — דער קליינער פייוועל געהט, טריי־בענדיג אַ גרויסע טשערעדע פון קיה און פון אָקסען.

— צו דיין קאָפּ, צו דיינע הענט און פיס און צו דיין לייב און לעבען! סטייטש, רוצח איינער! איך האָב דאָך דיך נאָר וואָס דערטרונקען!

— יאָ, אמת, — זאָגט דער קליינער פייוועל, — דו

ביזט אַודאי געדעכט, דו האָסט מיך ערשט אַ שעה דריי צו־ריק אין וואַסער אַריינגעוואָרפען.

— ווי אַזוי זשע קומסטו אַהער, גזלן איינער? און וואו האָסטו די אַלע שענע בהמות גענומען?

— דאָס זענען ים־בהמות, — ענטפערט דער קליינער פייוועל: — אָט וועל איך דיר דערצעהלען אַלצדינג, ווי אַזוי ס'איז געוועזען. נאָר פריהער דאַרף איך דיר דאַנקען דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך אַריינגעוואָרפען אין טייך אַריין. יאָ, פאַר מיר איז דאָס געוועזען אַ גרויס גליק, וואָרום איצט בין איך ווידער אויף דער יבשה און דערצו געבוג רייך, דאָס מעגסטו מיר גלויבען.

אַז דו האָסט מיך אַראָפּגעוואָרפען פון דער בריק אין דעם קאַלטען וואַסער, האָב איך געמיינט, אַז איך שטאַרב די רגע. איך בין באַלד אַראָפּגעפאַלען ביז צום גרונד, נאָר קיין זעץ האָב איך מיר נישט געגעבען, וואָרום דאָרט וואַקסט ווייך, פיין גראָז, ווי זייד. אויף דעם גראָז בין איך געפאַלען און באַלד האָט זיך דער זאַק געעפענט.

אַ ים־מיידעל, שען, ווי די ליכטיגע וועלט, אָנגעטון אין מלבושים, ווייס, ווי דער קלאָרער שניי, מיט אַ גרינעם קראַנץ אויף די שענע לאַנגע האָר, נעמט מיך ביי דער האַנט און זאָגט: „דו ביזט דער קליינער פייוועל? אָט דאָ האָסטו דערוויל איניגע בהמות. עטליכע מייל ווייטער, אויף דעם וועג וועסטו זעהן אַ גאַנץ גרויסע טשערעדע. די שענק איך דיר אויך.”

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער „טייך” הייסט ביי די ים־מענשען אַ גרויסער וועג. אונטען אויפ'ן גרונד געהען און פאָהרען מענשען גלייך פונ'ם ים ביז צו די קוואַ־

לעז, פון וואַנען עס רינט אַרוים דער טייך. אַך, ווי שען דאָרטען איז אונטען! וויפיעל שענע בלומען און פריש גראָז וואַקסען אומעטום! און וואָס פאַר אַ שענע מענשען דאָרט וואוינען! היינט אַלע מינים חיות און בהמות, וואָס פאַשען זיך אויף די גרינע פעלדער!...

— פאַר וואָס זשע ביזט דו באַלד צוריק געקומען אַהער? — פרעגט דער גרויסער פייוועל. — דאָס וואָלט איך שוין ניט געטון, אַז דאָרט איז באמת אזוי גוט...

— פאַרקעהרט, — ענטפערט דער קליינער פייוועל — דאָס האָב איך דוקא קלוג געטון. דו האָסט דאָך געהערט, וואָס איך האָב דיר דערצעהלט. דאָס ים־מיידעל האָט מיר געזאָגט, אַז ווייטער עטליכע מייל אויפ'ן וועג שטעהט אַ גרויסע טשערעדע בהמות פון מיינעטוועגען. נאָר איידער צו געהן מיט'ן קרומען וועג פון טייך, וועלכער דרעהט זיך הין און הער, בין איך אַרוים אויף דער יבשה, און אזוי פאַר־שפּאָר איך אַ האַלבע מייל און וועל גיכער קומען צו מיינע ים־בהמות.

— יאָ, וואָס האָט מען דאָ צו רעדען! מען זעהט אַרוים, אַז דו ביזט אַ גליקלעכער מענש, — זאָגט מיט גרויס קנאה דער גרויסער פייוועל, און טוט דערביי אַ טיפען זיפץ.

— זאָג מיר, איך בעט דיך, — הויבט ער אָן נאָך אַמאָל, שוין צו'חנפ'ענדיג זיך, — ווי קלערסטו? וועט מען מיר אויך געבען ים־בהמות, אַז איך וועל מיך אַראָפּלאָזען אויפ'ן גרונד פונ'ם טייך?

— יאָ, פאַר וואָס ניט? בכבוד גדול, — ענטפערט דער קליינער פייוועל.

„גוט", — קלערט זיך דער גרויסער פייוועל, און לאָזט

זיך געהן צוריק צום וואַסער. דאָ האָט ער אויסגעקליבען דאָס טיפסטע אָרט. נאָר אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט ניט קאָנען זיך אַראָפּלאָזען ביז צום גרונד, האָט ער אָפּגעזוכט אַ גרויסען שטיין און זיך צוגעבונדען צום האַלז.

— נאַ, קליין פּיוועלע, קום איך לײדיג צוריק, אָהן בהמות, וועסטו שוין ביי מיר האָבען די מפּלה! — האָט ער געגעבען אַ קלער ביי זיך, און — בוך אין טייך אַריין.

דער קליינער פּיוועל איז זיך געקומען בשלום אהיים. דאָס ווייב מיט די טעכטער האָבען איהם אָנגעהויבען איינרעדען, אַז אַזוי ווי זיי זענען שוין איצט רייך, זאָל מען זיך באַזעצען אין שטאָט און לעבען, ווי די שטאָט־לייט, דאָס הייסט: קויפען שען מעבעל, באַזעצען זיך אין גרויסע דירות, פּוצען זיך אַ גאַנצען טאָג, ווי די פּאַוועס, אַרומגעהן און געניצען. נאָר פּיוועל האָט זיי אַפילו ניט געוואָלט הערען. ער האָט געקויפט אַ סך ערד און פינף גוטע פערד, וואָס האָבען געברענט, און האָט זיך גענומען ווי פריהער אַקערן און זייען, שרייענדיג ווי אַמאָל: „וויאָאָו, מיינע פערדעלעך!” און דאָס איז געווען זיין גרעסטע פרייד. וויפיעל מאָל, אַז ער איז נאָך געווען נעבעך אַ גרויסער אָרעמאַן, פלעג ער קלערען: ווי גוט און ווי זיס ס'וואָלט געווען צו האָבען אַן אייגען שטיק ערד! און אַזוי ווי ער האָט גוט געפיהלט דאָס ביטערע האַרץ פון די אָרעמע לייט, האָט ער אַן זיי אויך ניט פאַרגעסען, און האָט אַלע אָרעמע שכנים פון דעם דאָרף געשענקט צו שטיקלעך ערד און אויך יעדען אַ פערדעל: נאַט און לעבט אייך צופרידען!

אַט האָט זיך שוין די זון אַראָפּגעלאָזט נאָך נידריגער, זי איז שוין געוואָרען עפּעס גרעסער און אַביסעל רויטלעך, אַ פּנים דערהיצט פון דעם געהן אַ גאַנצען טאָג; די שטראַ-לען זענען שוין קילער און שטעכען שוין ניט אַזוי אין די אויגען. עס הויבט אָן צו בלאָזען אַ קיל פּייכט ווינטעל, דעם יונגען גראָז געהט איבער עפּעס ווי אַ גרויל איבער'ן לייב און עס הויבט אָן צו ציטערן. פויגעלעך הויבען אָן ווי אין איילעניש פליהען אהין אַהער, דרעהען זיך אין דער לופט מיט אַ מין שרייען און פּייפען, גלייך זיי רעדען צווישען זיך וועגען זעהר אַ וויכטיגען עסק. לאַנגע שאָטענס צע-ציהען זיך איבער די גרינע פעלדער און דער קליינער פּיי-וועל קנאַקט אַלץ לעבעדיג מיט דער בייטש שרייענדיג: „וויאָאו! וויאָאו! מיינע פערדעלעך!"...

ד. ב. סלוצקי:

די ערד דרעהט זיך ניט.

בעני און יודי זענען געווען חברים אינגלעך, וואָס האָבען ליב געהאַט יעדע זאַך פאַרשטעהן און אַליין דער-געהן מיט'ן שכל, וואָס און ווי אַזוי טוט זיך אַלץ אויף דער וועלט.

אָפט פלעגען זיי כאַפען אַ מיאוס'ן פּסק פאַר זייער וועלען אליין דערקלערען און אויספאָרשען. נאָר דאָס מאַכט ניט אוים. אַזעלכעס טרעפט זיך אויך מיט גרויסע. גרוי-סע האָבען נאָך גרעסערע צרות פאַר זייער וועלען וויסען אַלצדינג. און בעני און יודי האָבען זיך ניט איבערגעשראָ-

קען פאַר די שמיץ, וואָס זיי פלעגען אָפט כאַפּען פאַר צע־נעמען דעם וואַנד־זייגער, אָדער פאַר אויפרייסען די ספּרונ־זשינעס פון דעם ווייכען שטול, וואָס שטעהט ביי יודי׳ס על־טערן אין זאַל, און נאָך פאַר אַזעלכע זאַכען. אדרבא, דאָס דאָס האָט זיי צוגעגעבען נאָך מעהר חשק זיך צוצוקלייבען ווען ניט איז אויך צום גראַמאָפאָן־קעסטעל, וואָס ביי בעני׳ס עלטערן, און אַ קוק טון, וואָס דאָרט טוט זיך. דאָס אַלטע שפּיל־קעסטעל האָבען זיי שוין לאַנג צעשרויפט און צע־דרעהט און אָפּגעכאַפּט זייער ערליך אויסקומעניש פאַר דער אַרבייט, נאָר דאָס איז אַלץ בלאָטע. דער עיקר איז, ווי אַזוי שטעלט מען אויף צוריק אָט די רעדלעך, זיי זאָלען זיך ווידער דרעהען און שפּילען? און וואָס מיינט איהר, זיי וואָלטען ניט דערגאַנגען דעם סוד? קאָנט איהר ניט בעני׳ן און יודי׳ן. אז זיי וואָלטען וועלען, וואָלטען זיי גע־קאָנט. נאָר זיי האָבען ניט געוואָלט, ווייל זיי זענען פּלוצ־לונג פאַרנומען געוואָרען מיט אַן אַנדער ענין.

און געווען איז די מעשה אַזוי. איינמאָל איז זיך יודי געזעסען אין שטוב. בעני איז גראָד ניט געווען מיט איהם. פּלוצלונג הערט ער, ווי אין צווייטען אָלקער דערצעהלט דער לעהרער זיין שוועסטערל חיה׳קען, אַז די ערד דרעהט זיך. האָט יודי צוערשט געמיינט, ער האָט אַ טעות, ניט איינגעהערט. איז אָבער ניין. דער לערער דערצעהלט ווידער אַמאָל בפרוש דאָס אייגענע: די ערד דרעהט זיך! אָט האָסטו דיר אַ נייעס! — איז יודי ארויסגעקראָכען פון אונטער דער קאַנאַפּע און איז אַוועק צו זיין עלטערן ברודער יאַני׳ן.

— יאַני, דער לערער זאָגט: די ערד דרעהט זיך!

— וואָס דען, זי דרעהט זיך ניט? אודאי דרעהט זי זיך! — האָט יאַני געענטפערט.

יודי איז געווען שרעקלעך איבערראַשט און איז זיך אַוועק צו זיין בעני'ן און איהם דערצעהלט די נייעס. בעני איז אויך געווען איבערראַשט, — וואָס הייסט? אַנו, לאָמיר קוקען. — האָט מען געקוקט און געקוקט, ניין, מ'זעהט ניט. איז מען ביידע אַוועק צוריק צו יאַני'ן: די ערד דרעהט זיך ניט! מען זעהט ניט! האָט זיי יאַני גענומען דערקלערען און דערוויזען פון אַ ראיה מיט אַ שיף אויפ'ן וואַסער און מיט בערג און מיט הימעל — נאָר דאָס אַלץ האָט זיך זיי עפּעס ניט געלעגט אויפ'ן שכל, און ביידע חברים האָבען באַשלאָסען ביי זיך צו דערגעהן די זאַך. האָט מען פאַרוואָרפען אַלע אַרבייט און נאָר געקלערט, ווי אַזוי קען מען זעהן, ווי די ערד דרעהט זיך.

איז בעני געפאַלען אויף אַ המצאה. שאַ, איך ווייס! אַט לאָמיר לויפען אַ ראָד לאַנג-לאַנג, וועלען מיר זעהן! איז מען געלאָפען אין אַ ראָד, אַרומגעיאָגט, ביז דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרעהט. דעמאָלט איז מען געבליבען שטעהן, געפאַלען פון די פיס, זיך אָנגעכאַפּט איינער פאַר'ן צווייטען און געשריען: ס'דרעהט זיך! ס'דרעהט זיך! אָבער באַלד איז מען ווידער אַריינגעפאַלען אין ספקות: ס'אַ משל! ס'גאָר דער קאָפּ דרעהט זיך, אָבער די ערד ניט. וואָרום ווען די ערד זאָל זיך דרעהען וואָלט דאָך שוין קאַזולי'ס יַשטוב באַדאַרפט שטעהן אויף אַן אַנדער אָרט!

איז אונטערגעשפרונגען יודי:

— שאַ, אַט איך וועל דיר ווייזען! קום!

און ער האָט אַוועקגעפירט בעני'ן אין קיך אַריין, דאָרט איז געשטאַנען אַ צעבער מיט וואַסער.

— זעהסט, — האָט יודי גע'טענה'ט, — אַז מיר זאָלען, למשל, דרעהען דעם צעבער, וועט זיך אויסגיסען דאָס וואַסער, צי ניין ?

— לאָמיר פּרואווען, וועלען מיר זעהן.

אוןביידע האָבען גענומען שטאַרק דרעהען און הויבען דעם צעבער.

— ס'גיסט זיך אויס ! — האָט בעני אויסגעשריען מיט שמחה, — זעהסטו ? וויבאַלד אַזוי, ווען די ערד זאָל זיך דרעהען, וואָלט דאָך דער טייך זיך אויך באַדאַרפט אויסגיסען ? הא, ניט אַזוי ?

— אודאי...

אָבער די רגע איז אַריין דאָס שטוב-מיידעל מיט אַ בעזעם אין האַנט און גענומען טרייבען און שמייסען יודי'ן און בעני'ן פאַר'ן ליאַפּ, וואָס זיי האָבען אָנגעמאַכט אין קיך, אָבער יודי און בעני האָבען געמאַכט פליטה און אַוועק צום טייך, זעהן צי ס'גיסט זיך אויס, צי ס'ווערט צוכליאַפּעט דאָס וואַסער פונ'ם דרעהען, וואָס די ערד דרעהט זיך...

דער טייך איז געווען רוהיג און גלאַט ווי אַ שפּיגעל.

— נו, דו זעהסט ? ס'אַליגען ! די ערד דרעהט זיך ניט, ווי אַזוי קאָן זיך די ערד דרעהען ? — האָט בעני גע'טענה'ט, און יודי איז ווידער געפאַלען אויף אַ געדאַנק : ניין, מען דאַרף אויספּרואווען אַקוראַט. מען דאַרף דערוויי־זען יאַני'ן, אַז ס'אַליגען.

— ווייסטו וואָס ? — האָט בעני געזאָגט — קום אויפ'ן באַרג. אפשר וועלען מיר פונ'ם באַרג זעהן.

איז מען אוועק צום בארג, וואס שטעהט דארט אוי־סער'ן שטעטעל. מען איז געווען שטארק פארפאליעט און פארטראגען. זיי האבען פארגעסען אנ'ם ווארעמעס, אנ'ם חדר, אן אלץ. שווער איז אנגעקומען אביסעל דאס קריכען אויפ'ן בארג דורך די בודיקעס און שטעכעלקעס. א פאר מאל איז מען שיעור ניט אראפגעפאלען פונ'ם שפיץ, וואס איז געווען זאמדיג און זיך געשאטען אונטער די פיס; סוף כל סוף האט מען זיך ווי ניט איז אוועקגעשטעלט אויף א שטי־קעל הארטע ערד און גענומען קוקען.

— דו זעהסט? — פרעגט בעני — ס'דרעהט זיך?

— ניין, איך זעה ניט, — ענטפערט יודי.

— איך אויך ניט! — זאגט בעני.

— ס'אליגען און מעהר ניט! — שרייט יודי. — די ערד קאן זיך ניט דרעהען. ווען זי זאל זיך דרעהען, וואל־טען מיר דאך געפיהלט אונטער די פיס, וואלטען מיר דאך אומגעפאלען, הא, ניט אזוי?

— אודאי! — האט בעני גע'פסקנ'ט, — קום שוין אהיים, איך בין הונגעריג.

געקומען זענען זיי שפעט, הונגעריג, מיד און אויסגע־שמירט און פול מיט שטעכעלקעס. אין דערהיים האט אויף זיי געווארט א פיינער ברוך־הבא...

— וואו זייט איהר געווען? די גאנצע שטאט איז מען אויסגעלאפען זוכען אייך! — האט יודי'ס מאמע גע־שריען, — זעה, א אינגעלע האט זיך אויסגעשמירט? הא, וואס, מיר'ן דיר שוין צושטעלען א בענקעלע פאר'ן רבי'ן.

יודי'ן איז שוין ניט אייגעגאנגען דער ווארעמעס, וועלכער איז געווען קאלט און אהן טעם, און ער האט מורא

געהאַט זיך ווייזען פאַר'ן טאַטען, פאַר'ן רבי'ן. בעני האָט נאָך ערגער אָפּגעשניטען. ער האָט אַ גאַנצע שעה געוויינט פאַר בזיון און וועהטאָג.

— אויף מאָרגען האָט מען זיך ווידער גענומען צום ענין:

— יאָני, די ערד דרעהט זיך ניט! מיר האָבען גע־פּרואווט! — האָבען זיי מיט נצחון געזאָגט צו יאָני'ן.

— געהט, פּראַים! אז עס שטעהט געשריבען אין דער געאָגראַפיע! — האָט יאָני אָנגעשריען אויף זיי.

— שאַ, ווייסט וואָס? — האָט יודי צו איהם געזאָגט, — אָט וועל איך דיר באַווייזען. בעני, קום!

און ביידע חברים זענען אַרוים אין דרויסען, מיטגע־כאַפּט מיט זיך יאָני'ס ניי קאַמישען שטעקעלע. יאָני איז שוין געווען אַ גרויסער, האָט ער זיך געקויפט אַ קאַמישען שטעקעלע, זעהר אַ שען, דין שטעקעלע.

— יאָני, זעהסט? — האָבען זיי צו איהם דורכ'ן פענסטער געשריען. —

— לאָזט צו רוה! — האָט זיך יאָני אויסגעבייזערט און פאַרטיפט אין ביכעל, וואס ער האָט געלייענט ביים פענסטער.

יודי האָט גענומען דאָס שטעקעלע און אַריינגעשטעקט אין דער ערד.

— אָט, זעהסט, בעני? האַ? ס'דרעהט זיך? — האָט ער מיט אַ געלעכטער געפרעגט.

— אודאי ניט! ס'אַליגען! — האָט איהם בעני אונ־טערגעהאַלטען.

— נאָך אַ מין ליגען! — האָט יודי צוגעגעבען —

ווייל פאַר וואָס, אז עס דרעהט זיך אַ ראָד און איך שטעק אַריין אין איהר אַ שטעקעל, ווערט דער שטעקעל צעבראָכען, און דאָ ניט ? ווען די ערד זאָל זיך דרעהען, וואָלט דאָך דאָס קאַמישען שטעקעלע זיך אויך באַדאַרפט צעבראָכען ? האַ, ניט אַזוי ? אָט פאָהרט אַביגדור דער וואַסער-פירער, וועל איך עס דיר שוין דערווייזען !

און ווי אַביגדור איז אונטערגעפאָהרען, האָט יודי איינגערוקט דאָס שטעקעלע צווישען די שפּיצעס פון ראָד — און מיט אַמאָל :

— קנאַק, קנאַק, קנאַק !...

— דאָס קאַמישען שטעקעלע ! דאָס שטעקעלע ! — האָט יאָני אַ טויטער אויסגעשריען, בעת ער האָט דערהערט דעם קנאַק, אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהן זיין שטעקעלע ליגען צעבראָכען אויף דריי׳ען. ער איז אין ווילדען כעס אַרויסגעשפּרונגען דורכ׳ן פענסטער און גענומען זיך פאַר די צוויי חקרנים...

צעשלאָגענע זענען דערנאָך ביידע חברים געזעסען הינטער דער קלויז אויף דער ערד און געווישט די טרערען פון די אויגען.

— אָבער איצט זעהסטו שוין, אַז די ערד דרעהט זיך ניט ! — האָט יודי כליפּענדיג גע׳טענה׳ט.

— אַוודאי — האָט בעני אונטערגעהאַלטען מיט אַ וויינענדיגען שלוקערץ — אַוודאי דרעהט זי זיך ניט...